# שיחות ודברות קודש לפרשת שופטים משנת תשע"ג לפ"ק

## ביקורו של כ"ק הגה"צ גאב"ד קארלסבורג שליט"א אצל רבינו שליט"א

יום א' פרשת שופטים תשע"ג לפ"ק - במחנה מתיבתא נחלת יעקב

**רבינו:** וואו אזוי שפירט מען זיך.

**גאב"ד קארלסבורג:** ברוך ה'.

**רבינו:** וקוי ה' יחליפו כח (ישעיה מ-לא).

**גאב"ד קארלסבורג:** ברוך הנותן ליעף כח. אין בעלזא זינגט מען שבועות, דעם ניגון ובאו כולם, ענדיגט מען ברוך הנותן ליעף כח. דער **בעלזער רב זי"ע** פלעגט מכבד זיין די אלע וואס זענען געזעסן ביים טיש, יעדען איינעם עקסטער, מען זאל זינגען ובאו כולם. מיין טאטע ז"ל האט אויך געזינגען. איך בין אויך געווען איין מאל שבועות אין בעלזא, אין תל אביב. עס זענען געזעסן ביים טיש אנשים חשובים ומכובדים. דעמאלטס איז נישט געווען אזוי שכיח, אז רבנים זאלען זיין אויף יום טוב.

**רבינו:** מען האט בדרך כלל נישט געקענט אוועקפארן, און איבערלאזען די שטאט.

**גאב"ד קארלסבורג:** און נישט יעדער האט געהאט וואו צו זיין. מיר האבען געהאט א פעטער, וואס האט געוואוינט דארט אין תל אביב. און דארט פלעגן מיר זיין, שבת חנוכה, שבת שקלים, און שבועות. מוצאי שבת פלעגן קומען רבנים אויך.

הרב יהושע מענדל ערענבערג פלעגט זיך מפלפל זיין דארט ביים טיש, ביז ווען דער רב איז אריינגעקומען. מען האט דאך נישט געוואוסט, ווען ער וועט אריינקומען.

איך בין אויך אמאל געווען ביים סדר. אין ארץ ישראל איז עס דאך נישט מער פון איין טאג. מען האט זיך געדארפט מיטנעמען מצות און וויין. די רעבעצין איז געזעצן ביים טיש נעבען אים, און די שוועסטער אויך.

**רבינו:** און נאכדעם זענען געזעסן דארט מענער?

**גאב"ד קארלסבורג:** עס זענען געזעסן דארט מענער.

**רבינו:** ער האט געגעסן די מצה פאר חצות?

**גאב"ד קארלסבורג:** עס איז נישט אויסגעקומען אז מען זאל עסן די כזית פאר חצות. מען האט נישט געקוקט צו עס איז פאר חצות אדער נאך חצות. שופר האט מען דאך אויך נישט געקוקט. ער האט אליין געבלאזען שופר, און ער האט נישט געהאט קיין כח צו בלאזען שופר, און עס איז אונז נישט בייגעפאלען איבערצוהערן די תקיעות.

**רבינו:** וואס איז די אמת'דיגע תירוץ אויף דעם?

**גאב"ד קארלסבורג:** ובשופר גדול יתקע וקול דממה דקה ישמע. איך וועל אייך זאגען, תקיעות, קען דאך נישט יעדער איינער. אפילו די וואס בלאזען, אויב ער איז נישט קיין רב, וואס קען די הלכות, כמעט קען מען נישט יוצא זיין. צו וויסען די תרועה, ווען מען דארף נאכאמאל אנפאנגען, און ווען עס איז א הפסק, און ווען עס איז נישט קיין הפסק. עס איז אלעס דאורייתא'דיגע זאכען, וואס עס שטייט אין שלחן ערוך (או"ח סימן תק"צ). נאר דער בעל בת'ישער עולם נעמט געווענליך א בעל תוקע, צו דער רב צו א צווייטען. ביים **סאטמארער רב** איז אייער פאטער געווען דער בעל תוקע. להלכה דארף א תקיעה מיט א שברים און א תרועה זיין אן קיין שום הפסק.

אין בעלזא איז יא געווען איינער וואס איז ארויס נאכן דאווענען, און ער האט איבערגעבלאזען די מאה קולות.

**רבינו:** קען זיין אז זיי האבען אינגאנצען נישט געהערט. זיי זענען געווען אזוי ווייט, אז זיי האבען נישט געהערט די תקיעות.

**גאב"ד קארלסבורג:** דעמאלטס איז נאך נישט געווען קיין טויזענטער יודען. איך מיין, אז אין בעלזא איז געווען ראש השנה, נישט מער ווי צוויי הונדערט יודען. און דאס האט שוין געהייסען א גרויסער עולם.

**רבינו:** **מיין טאטע ז"ל** פלעגט נאכצוזאגען פון זיין פאטער, דער **סערדאהעלער רב**. אז די וועלט זאגט, אז דער **שינאווער רב** האט אמאל אויסגערופן נאך דעם **צאנזער רב'ס** תקיעות, אז ווער עס האט היינט געהערט דעם טאטען בלאזען שופר, דארף איבערבלאזען. האט דער

**סערדאהעלער רב** געזאגט, אז ער איז געווען די לעצטע הייליגע טעג ביים **שינאווער רב**, און מען האט געקענט אויסרופען נאכען **שינאווער רב'ס** בלאזען, אז ווער עס האט געהערט דעם **שינאווער רב** בלאזען שופר, מעג אויך איבערבלאזען. עס קוקט אויס, אז ווען ער איז אליין געווארען א רבי, האט ער אויך אנדערש געבלאזען. - דער עיקר איז, אז אין הימל זאל עס ווערן אנגענומען.

**גאב"ד קארלסבורג:** ווען דער **בעלזער רב** האט געפירט שלש סעודות איז שוין געווען מוצאי שבת, און דעמאלטס איז דער עולם געקומען. מען איז ארויס געפארען פון ירושלים מוצאי שבת. ער איז אריינגעקומען בערך עלף אזייגער, ער האט ממשיך געווען די סעודה פון בייטאג, עס איז געווען א פאר שעה אינדערמיט, מען האט אריינגעברענגט צוויי גרויסע חלות, ער איז אריינגעקומען, און זיך געוואשען נטילת ידים.

**רבינו:** ער האט אויף זיך אליין געזאגט, אז דאס וואס ער דאווענט שפעט, ווייל צוליב זיין חולשה איז ער אינגאנצען פטור מן התפלה.

**גאב"ד קארלסבורג:** תשעה באב איז ער אויך ארויסגעקומען, און ער האט אליין געזאגט די קינות. ער האט אליין פארגעזאגט די קינה פון אלי ציון ועריה, אזוי ווי א רב. אין בעלזא זענען זיי געווען רבנים, האבען זיי זיך געפירט ווי די רבנים, מיט די רבנ'ישע זאכען. אין בעלזא האט מען נישט גערופען רבי, נאר רב. ווען גייט דער רב אריינקומען.

**רבינו:** בפניו האט מען געזאגט רבי?

**גאב"ד קארלסבורג:** יא. יעדען רב אין א שטאט, האט מען בפניו גערופען רבי. כאטש ער איז נאר געווען דער רב אין די שטאט.

אינדערהיים איז מען נישט אריינגעגאנגען אין א נעאליגישע שול, אבער אין א אספנאלישע שול איז מען יא אריין געגאנגען. דאס איז געווען פון ספרדישע יודען. אין טעמישוואר איז געווען א אספנאלישע שול, די שול איז געווען כשר.

**רבינו:** זיי זענען געווען אינטערגעווארפען אינטערן רב, אדער זיי האבען געהאט א אנדערען רב?

**גאב"ד קארלסבורג:** אין קארלסבורג איז געווען צוויי שולען א ספרדישע און א אשכנזישע, און דער **מראה יחזקאל** איז געווען רב אויף ביידע קהלות. ער פלעגט פסח ביי נאכט, ווען מען זאגט הלל, דאווענען ביי די ספרדים. זיי זענען געווען ערליכע יודען. א שוחט האבען זיי יא געהאט אן עקסטערען. טאמער איז ער געווען א שוחט ביי די נעאלאגען, איז ער געפסל'ט געווארן, און ער האט נישט געקענט צוריקקומען, ער איז שוין געווען אראפגעקוקט. נאך די פטירה פונעם **כתב סופר** איז געווארן נאך שטארקער דער הבדל, עס איז געווען מקומות, וואס אפילו א משא ומתן, האט מען נישט געוואלט מיט זיי פירן. כאטשיג זיי זענען געווען די עשירים. זיי האבען דאך אלעס צוגענומען. די בתי חיים. איז אויך צו זיי אריבערגעפאלען. אונזערע יודען האבען זיך אפגעטיילט. מען איז געגאנגען בעטן פון די מלכות, אז מען זאל אונז געבען א רעכט, אז מיר מעגן זיך אפטיילען. זיי האבען דאך נישט געוואלט אז מען זאל זיך אפטיילען. נו, אז דו טיילסט דיך אפ, בלייב איך מיט אלע נכסים, די בתי מדרשים, און די בתי חיים. אפילו די צדיקים וואס זענען געווען אין די בתי חיים, איז אריינגעפאלען צו זייער הענט. ביי אונז איז געווען **רבי דוד אפענהיים**, און נאכדעם וואס מען האט זיך צוטיילט, איז ער אריינגעקומען אין זייער חלק. אין פעסט זעהט מען דאך דארט, אז די אלע גדולים וואס זענען געווען פארדעם, זענען אין זייער חלק.

**וכיבדו רבינו לברך על היין**

**גאב"ד קארלסבורג:** לחיים טובים ולשלום, דער אייבערשטער זאל העלפען, מען זאל זוכה זיין להגדיל ולהרבות תורה וטהרה, שנות חיים יוסיפו לך, קענען מרבה זיין די גבולי התורה און טהרה. און דער עולם זאל מען זעהן, אז זיי זאלען זיך קענען פירן ווי עס באדארף צו זיין. און דער אייבערשטער זאל העלפען, מיר זאלען זוכה זיין, צו א כתיבה וחתימה טובה, לאלתר לחיים טובים ולשלום.

**רבינו:** דער רב זאל אויך זיין געזונט און שטארק, מיט אסאך לאנגע געזונטע יארען, קענען מרחיב זיין די גבולי הקדושה, און קענען משפיע זיין פארן גאנצען כלל ישראל. און האבען א כתיבה וחתימה טובה, און א גוט געבענטשט יאר.

**ונפרדו לשלום**

## בסעודת ברית מילה של בן הר"ר יצחק אייזיק איידליס הי"ו

יום ה' פרשת שופטים תשע"ג לפ"ק

**עס** שטייט די וואך אין די פרשה, תמים תהיה עם ה' אלקיך (דברים יח-יג), עס איז א מצוה אין די תורה, אז מען דארף זיין תמים מיטן אייבערשטען. דער פשוט'ער פשט איז, ווי רש"י טייטשט, התהלך עמו בתמימות. א יוד דארף זיך ארויפווארפען אויפן רבונו של עולם, און גיין מיטן אייבערשטען בתמימות. ולא תחקור אחר העתידות, נישט טראכטען וואס עס וועט זיין שפעטער. זיך פארלאזען אויפן רבונו של עולם וואס ער פירט זיין וועלט, און ער וועט צופירן פארן מענטש, אלעס וואס ער דארף האבען. א יוד דארף זיך נאר פירען על פי דרכי התורה, און די איבריגע זאכען, דארף ער לאזען פארן רבונו של עולם, אז דער באשעפער וועט עס צופירן אויפן ריכטיגן וועג.

**מצות** מילה ווערט אויך אנגערופן תמים, ווען דער אייבערשטער האט געגעבן די מצוה פאר אברהם אבינו, האט דער אייבערשטער אים געזאגט, התהלך לפני והיה תמים (בראשית ז-א), זאלסט מקיים זיין די מצוה, וועסטו זיין תמים. אז מען זאל קענען מקיים זיין די מצוה פון תמים תהיה עם ה' אלקיך, אויף דעם העלפט צו די מצות מילה. עס איז מקדש א יוד, אז ער זאל זיך קענען איבערגעבן אין די הענט פונעם אייבערשטען. מען נעמט א קליין קינד, און מען מל'ט אים, און עס איז היפך פונעם שכל, אז א טאטע זאל גיין חובל זיין, זיין קינד. אבער תמים תהיה עם ה' אלקיך, התהלך עמו בתמימות. דער רבונו של עולם ווייסט, אז דאס איז די ריכטיגע וועג, טוט עס א טאטע מיט א שמחה. מצוה שקבלו עליהם ישראל בשמחה, עדיין עושין אותה בשמחה (שבת קל.).

**אסאך** מאל מיינט מען, אז די מצוה פון מילה איז נאר ביום השמיני. דערוויל שטייט אין הייליגע ספרים, אז די קדושה פון מילה דארף מיטגיין מיט א יוד זיין גאנצען לעבן. קדושת הברית וואס א יוד דארף זיך פירן ערליך, דאס איז א קדושה וואס עס איז נישט נאר בשעת מען מל'ט דאס קינד, די אכטע טאג. נאר מיום השמיני והלאה ירצה דמו, דאס דארף מען ממשיך זיין, אויפן גאנצען לעבן. - די מצוה פון התהלך לפני והיה 'תמים', דאס איז 'תמים' תהיה עם ה' אלקיך, א מצוה תמידית, וואס מען דארף זיין תמים מיטן אייבערשטען.

**עס** איז דא א הייליג ווארט פונעם **בעל שם טוב הק'**. די תורה הק' זאגט (דברים י-יב), ועתה ישראל מה ה' אלקיך שואל מעמך, וואס בעהט דער אייבערשטער פון דיר, כי אם ליראה את ה' אלקיך, מורא צו האבען פונעם אייבערשטען. זאגט דער הייליגער **בעל שם טוב הק'** מיט א משל, א טאטע וואס האט א קליין קינד, און ער וויל מחנך זיין דאס קינד, אז ער זאל נישט גיין אויף א פלאץ, ווי ער קען זיך שעדיגען. ער קען אבער נישט מסביר זיין פארן קינד, אז מען טאר נישט אהין גיין, ווייל דו וועסט דארט געשעדיגט ווערן. ווייל דאס קינד פארשטייט עס נישט. זאגט דער טאטע פארן קינד, גיי נישט אהין, ווייל טאמער דו וועסט אהין גיין, וועל איך דיר געבען צוויי פעטש. דאס פארשטייט שוין א קינד, און ער גייט נישט.

**מען** זאגט אָן פאר א קינד, אז ער זאל נישט גיין אויפן גאָדער, דאס קינד פארשטייט נישט, פארוואס ער טאר נישט גיין אויפן גאדער. ער פארשטייט נישט, וואס עס מיינט א עקסידענט. ער פארשטייט נישט, וואס דער פראבלעם קען זיין. אבער ווען מען זאגט אים, אז אויב דו וועסט גיין אויפן גאדער, וועסטו באקומען פעטש. דאס פארשטייט ער, און ער גייט נישט אויפן גאדער. - קומט אויס, אז די יראה פונעם טאטען מיט די יראה פונעם קינד, זענען נישט אויף די זעלבע מדריגה. דער טאטע האט יראה, אז דאס קינד זאל נישט גיין אויף א פלאץ, וואו ער קען געשעדיגט ווערן. און דאס קינד האט מורא אהין צו גיין, ווייל ער וויל נישט באקומען די פעטש פונעם פאטער.

**די** זעלבע איז ביי די מצות וואס דער באשעפער האט מצווה געווען. דער באשעפער האט געזאגט, אז אויב מען וועט עובר זיין אויף א עבירה, באקומט מען א עונש. אבער א יוד דארף זיך היטן אז ער זאל נישט טון א עבירה, נישט וועגן דעם, ווייל ער וועט באקומען דערויף א עונש. נאר א יוד דארף וויסען, אז די סיבה פארוואס דער אייבערשטער האט אונז מצווה געווען די אלע מצות התורה, איז ווייל כי הוא חייך ואורך ימיך (דברים ל-כ), דאס איז אונזער לעבן. און טאמער מען פירט זיך נישט אויפן ריכטיגען וועג, איז ער מזיק זיך און זיין נשמה. ער פארלירט חיי נצחיים פון חיי עולם הבא. ער דארף זיך צוריקהאלטען פון טון א עבירה, נישט ווייל עס וועט זיין א עונש. ווייל דאס איז אזוי ווי א קינד, וואס מען זאגט אים, אז אויב דו וועסט דאס טון, וועסטו באקומען א פאטש. נאר ער דארף זיך צוריקהאלטען, ווייל דער אייבערשטער פארשטייט, אז דאס איז נישט גוט פאר אונז. און אויב עס איז נישט גוט, וויל איך נישט טון א זאך וואס איז נישט גוט פאר מיין נפש.

**זאגט** דער הייליגער **בעל שם טוב הק'**, ועתה ישראל מה ה' אלקיך שואל מעמך, וואס בעהט פון דיר דער אייבערשטער, כי אם ליראה 'את' ה' אלקיך, דיין יראה פון א עבירה, זאל זיין די זעלבע יראה, וואס דער אייבערשטער האט. דער אייבערשטען'ס מורא, אז דו זאלסט נישט טון א עבירה, איז נישט ווייל דו וועסט באקומען א עונש פון מיתה. דער באשעפער וויל, אז דו זאלסט נישט טון די עבירה, ווייל עס איז נישט גוט פאר דיר, ווען דו טוסט די עבירה. די יראה פון א יוד דארף זיין, ליראה 'את' ה' אלקיך, האבען די יראה פון מצות ה', אזוי ווי די יראה פונעם אייבערשטען איז. די יראה פונעם אייבערשטען איז, ווייל ער וויל אונזער גוטס, און ער וויל נישט, אז מיר זאלען ניזק ווערן דורך די עבירה וואס מען טוט.

**און** דאס איז די מצוה פון תמים תהיה עם ה' אלקיך, א יוד דארף זיין תמים מיטן אייבערשטען. תמים איז נישט נאר טייטש תמימות, נאר א זאך וואס איז אייניג, ווערט אנגערופן אז עס איז תמים, מלשון ויהיו תואמים מלמטה (שמות כו-כד). אונזער יראה איז אסאך מאל נישט די זעלבע יראה פונעם אייבערשטען. דער אייבערשטער האט מורא אז מיר זאלען נישט טון די זאך, ווייל מיר זאלען נישט ניזק ווערן. און מיר האבען מורא עס צו טון, וועגן שכר ועונש. זאגט די תורה, תמים תהיה עם ה' אלקיך, דו זאלסט זעהן זיך צו פירן, אז דו זאלסט זיין אייניג מיטן אייבערשטען. דיין יראה וואס דו האסט מורא צו טון א עבירה, און זיין אפגעהיטן אין מצות ה', זאל זיין די זעלבע יראה, וואס דער אייבערשטער האט מורא.

**ווען** א טאטע איז מכניס א קינד בבריתו של אברהם אבינו, איז דאך עס נישט נאר וואס ער איז מקיים די מצוה, יעצט אויף די אכטע טאג. דאס איז א הכנסה, ער זאל קענען אריינברענגען דאס קינד ווייטער אויף אין ברית ה' אלקיך. תמים תהיה עם ה' אלקיך, קענען מיט נעמען די מצוה פון 'תמים', התהלך לפני והיה 'תמים', אז מען זאל קענען שטענדיג זיין תמים עם ה' אלקיך.

## סיפורי צדיקים שנשמעו בסעודת מלוה מלכה

מוצש"ק פרשת שופטים תשע"ג לפ"ק - מתוך הספר שיחתן של עבדי אבות

**דער ראדומישלער רב** האט פארציילט, אז אין שינאווע פלעגט צו זיין א הפסקה ראש השנה פאר קריאת התורה. איין יאר איז געווען א פאר פאלק וואס האבען ל"ע נישט געהאט קיין קינדער, און זיי זענען אריין אין שטוב פונעם **שינאווער רב**, און זיי האבען זיך גע'עקשנ'ט, אז אזוי ווי מען לייגט דאך ראש השנה די פרשה פון וה' פקד את שרה, און עס איז א זמן וואס איז מסוגל פאר פקידת עקרות, זאל זיי דער **שינאווער רב** צוזאגען א קינד. דער **שינאווער רב** האט זיך געבייזערט אויף זיי, און ער האט געזאגט, 'איך האב דען עפעס א דעה אין הימל, אז מען זאל צוהערן וואס איך זאג צו'. האט דער יוד זיך אנגערופן, אז ער גדעדנקט, אז זיין

פאטער דער **צאנזער רב**, איז אמאל איינגעשטאנען ביי זיי אין שטוב, און דער **צאנזער רב** האט גערעדט וועגן זיין זון, דעם **שינאווער רב**. און דער **דברי חיים** האט געזאגט, מיין זון יחזקאל'ע איז א הימל יוד, און ער האט א דעה אין הימל'. האט דאך דער טאטע געזאגט, אז דער רבי האט יא א דעה אין הימל. האט דער **שינאווער רב** געזאגט, אויב דו האסט אזוי געהערט פונעם טאטען, בין איך דיר מבטיח, אז דו וועסט האבען א קינד. און צום יאר זענען זיי געהאלפען געווארן מיט א קינד.

*

**אמאל** האט דער **ראדומישלער רב** געזאגט פאר **רבי איציק'ל**, אז מען זאגט נאך, אז דער **רבי פון לובלין** האט געזאגט, אז אויף א דבר הלכה וואס איז מצד מדת חסידות, קען מען זיך פארלאזען אויף רוח הקודש. אפילו מען קען נישט פסק'נען א הלכה דורך רוח הקודש, דאס איז נאר, אז א דין קען מען נישט פסק'נען. אבער א זאך וואס האט צוטון מיט א מדת חסידות, און מען זעהט מיט רוח הקודש, אז עס איז נישטא דערויף א חשש, קען מען זיך פארלאזען אויף רוח הקודש.

**האט** אים **רבי איציק'ל** געזאגט, אז ער האט א גרויס הנאה צו הערן דאס ווארט פונעם **רבי פון לובלין**. ווייל ער איז אמאל געווען ביים **שינאווער רב**, און מען האט געברענגט וויין אויפן טיש. און עס איז געווען עפעס א רינון, וואס מען האט גערעדט אויף דעם וויין. אמאל איז דאך נישט געווען קיין וויין אזוי ווי היינט, מיט הכשרים. נאר יעדער יוד האט זיך געמאכט וויין אין זיין ווייגארטען, און מען האט עס פארקויפט. און ווען דער **שינאווער רב** האט זיך אנגעגאסען צו טרינקען פונעם וויין, איז א יוד צוגעגאנגען צום **שינאווער רב**, און ער האט אים אריינגעזאגט אין די אויערן, אז עס איז דא א רינון אויפן וויין. האט זיך דער **שינאווער רב** אפגעשטעלט, און ער האט אויפגעהויבען די האנט, און ער האט זיך אנגעליינט די קאפ אויפן האנט, און אזוי איז ער געזעסן צען מינוט, און געקוקט אויפן בעכער פונעם וויין. און נאכדעם האט ער זיך אנגערופן, 'עה, איך זעה גארנישט'. און ער האט געמאכט א ברכה, און ער האט עס אויסגעטרינקען.

**האט רבי איציק'ל** געזאגט, אז ער האט זיך אייביג געוואונדערט אויף די מעשה, אז ער האט זיך פארלאזט אויף רוח הקודש, צו טרינקען וויין וואס מען האט געזאגט דערויף, אז עס איז דא א רינון. אבער אזוי ווי ער הערט יעצט, אז דער **רבי פון לובלין** האט געזאגט, אז טאמער עס איז נאר א מדת חסידות, קען מען זיך פארלאזען אויף רוח הקודש. מסתמא איז דער רינון וואס מען האט גערעדט אויף דעם וויין נישט געווען, אז על פי הלכה טאר מען עס נישט טרינקען, נאר עס איז געווען א ענין פון א מדת חסידות. און אויף דעם, האט ער זיך פארלאזט מיט רוח הקודש, אז עס איז נישט דא קיין חשש צו טרינקען דערפון.

*

**דער שאצער רב** פון לאנדאן האט פארציילט, אז דער **שינאווער רב** איז אמאל געווען אין טורנא. און עס איז געווען א יומא דפגרא, און עס איז זיך צוזאמגעקומען א גרויסע ציבור, אין די אכסניא וואו דער **שינאווער רב** איז געווען. עס איז געווען א ענגע דירה, און איינער פון די יודען וואס זענען זיך דארט צוזאמגעקומען, האט זיך געשטעלט אונטערן שטול פונעם **שינאווער רב**. זעהט אויס, אז ער האט געוואלט מיטהאלטען פון די נאנט אלעס ביים טיש. און דער ציבור וואס איז געווען דארט, האט נישט געשמעקט אז ער שטייט אונטערן שטול, און מען האט געזוכט א וועג, אז ער זאל אוועקגיין פון דארט. און ער האט זיך נישט געלאזט אוועקרוקען, ער האט קונה שביתה געווען דארט, דאס איז זיין פלאץ, און ער רירט זיך נישט.

**אמאל** איז מען געגאנגען מיט שטיוול, און אינמיטןווארטען אז דער **שינאווער רב** זאל אריינקומען, האט ער זיך אנגעכאפט די אויבערשטע חלק פון די שטיוול עפעס צו פארעכטען. האט ער דאך געדארפט האבען וואסער, זיך צו וואשען די הענט. און ער האט

מורא געהאט ארויסצוגיין זיך וואשען די הענט, ווייל מען וועט אים צו נעמען זיין פלאץ. האט ער געבעטן אז מען זאל אים אריינברענגען וואסער, אז ער זאל זיך קענען וואשען די הענט. האט מען שוין יעצט געטראפען א וועג, אז ער זאל אוועקגיין פון דארט, אז מען וועט אים נישט ברענגען קיין וואסער. און ער האט געבעטן וואסער, און מען האט אים נישט געברענגט.

**אינמיטן** קומט אריין דער **שינאוואער רב**. דער **שינאוואער רב** האט האט ארויפגעלייגט די האנטוך אויפן אקסעל, כדי זיך צו וואשען. און זיין סדר פלעגט צו זיין, אז ביים וואשען פלעגט ער צו רעדן א הלכה וואס איז נוגע פאר נטילת ידים, אדער פאר די סעודה. און דעמאלטס האט זיך דער **שינאוואער רב** אנגערופן, אז דער **בוטשאטש'ער רב** פסק'נט (**אשל אברהם** או"ח סימן ד'), אז דאס וואס עס שטייט, אז מען זאל זיך וואשען די הענט, ווען מען רירט צו מיט די הענט צו די שיך, איז נאר די אונטערשטע חלק פון די שיך, וואס דארט איז א מקום פון זיעה. אבער אז מען רירט צו, צו די חלק צו די שטיוול וואס טוט ארומנעמען אין די הייעך, דארף מען זיך נישט וואשען.

**דער** יוד האט באקומען אזא התרגשות, אז דער **שינאוואער רב** האט פונקט גערעדט פון די הלכה וואס איז פריער געווען נוגע. האט ער זיך אנגערופן מיט א התפעלות, רבי, דאס איז רוח הקודש. יעצט האבען מיר געהאט א פלפול צו מען דארף זיך וואשען די הענט, און דער רבי האט געזאגט, אז מען דארף זיך נישט וואשען. האט דער **שינאוואער רב** זיך אנגערופן מיט זיין עניוות, 'עה, אז מען איז זוכה, גיט דער אייבערשטער אריין אין מויל, אזעלכע דיבורים וואס יודען דארפן צו הערן'. אפילו מען איז נישט מכוון דערצו, פונדעסטוועגן דאך, וויבאלד א יוד האט געדארפט הערן דעם דיבור, האט דער אייבערשטער אריינגעגעבן דעם דיבור אין מויל, אז ער זאל עס זאגען.

**והוסיף רבינו:** עס שטייט אין די תולדות פונעם **אך פרי תבואה**, דער **ליסקער רב זי"ע**. אז דער **אך פרי תבואה** האט זיך אין די יונגע יארען אסאך געדרייט ביים **ישמח משה**. און ווען ער האט חתונה געהאט, האט אים דער שווער געגעבן געלט פאר נדן. אמאל איז געווען דער סדר, אז מען פלעגט איבערצוגעבן די געלט פאר סוחרים, און מען האט געהאנדעלט דערמיט, און פון דעם האט מען באקומען פראצענט מיט רווחים, און אזוי האט מען געקענט זיצען און לערנען. אין יענע געגענט, אין טאקיי און ארום און ארום, איז געווען א פלאץ ווי עס איז געוואקסען אסאך טרויבען. און עס איז געווען אסאך וויין סוחרים, וואס האבען געדארפט האבען געלט, כדי צו צושטעלן די וויין. און נאכדעם ווען מען האט פארקויפט די וויין, און מען האט פארדינט, פלעגט מען צוריק צוצאלען.

**איז** ער געגאנגען פרעגן דעם **ישמח משה**, צו ער קען אינוועסטירען דאס געלט ביי די וויין סוחרים. האט אים דער **ישמח משה** געזאגט א גמרא (יבמות סג.), אז עס איז בעסער אוועקצולייגען דאס געלט, ווי צו אינוועסטירן אין א ביזנעס. ווען דער **אך פרי תבואה** איז ארויסגעגאנגען, האט ער ביי זיך געטראכט, איך האב געמיינט אז איך וועל וועל פרעגן דעם רבי'ן, און דער רבי וועט מיר ענטפערן רוח הקודש, צו איך וועל פארדינען אדער נישט. און דער רבי זאגט מיר א גמרא, אז אין די גמרא שטייט אז מען זאל נישט האנדלען. גמרות, האב איך אנדערע גמרות אויך. עס איז דא גמרות (בבא מציעא מב.) וואס עס שטייט די מעלות פון א עיסקא, ווען מען האנדעלט יא. האט ער נישט געפאלגט דעם **ישמח משה**, און ער האט יא אינוועסטירט. און צום סוף איז די גאנצע געלט וואס ער האט אינוועסטירט געגאנגען לטמיון, און ער האט פארלוירן זיין גאנצע פארמעגן.

**האט** דער **אך פרי תבואה** געזאגט, דעמאלטס האב איך פארשטאנען, אז ווען דער **ישמח משה** האט מיר געענטפערט מיט א גמרא, האט ער דען נישט געוואוסט, אז עס איז דא אנדערע גמרות אויך. און ער האט מיר געענטפערט דווקא די גמרא. ווייל א צדיק ענטפערט, לויט וואס דער

אייבערשטער גיט אים דעמאלטס אריין במחשבה. ווייל דאס איז די תשובה, וואס איז נוגע פאר דעם יוד. אז פארן **ישמח משה** איז איינגעפאלען פונקט דער מאמר חז"ל, אז איך זאל נישט האנדלען אויף דעם וועג, וואלט איך געדארפט אזוי צו טון. האט דער **אך פרי תבואה** געזאגט אויף זיך, היינט בין איך אויך א רבי, היינט ווייס איך אויך, אז וואס עס פאלט מיר איין בשעת מען פרעגט מיך, איז א סימן, אז דאס איז נוגע פאר דעם יוד. - דאס איז ענליך צו די ווערטער פונעם **שינאווער רב**, וואס ער האט געזאגט, אז דער אייבערשטער גיט אריין אינעם מויל, די דיבורים וואס יענער דארף צו הערן.

*

**אמאל** האט דער **שינאווער רב** געדארפט שרייבען א מליצה בריוו, פאר איינע פון די מפורסמ'דיגע רבי'ס. אז ער זאל זיך משתדל זיין אינעם בית המלכות, אז מען זאל באפרייען איינע פון זיינע חסידים. ווען דער **שינאווער רב** האט זיך אראפגעזעצט שרייבען דעם בריוו פאר דעם רבי'ן, האבען אים די משמשים געזאגט, אז מען דארף שרייבען א גרויסען טיטול אויף דעם רבי'ן, און מען דארף שרייבען אויף דעם צדיק 'הרב הקדוש'. ווייל די מענטשען וואס נעמען אים ארום, וועלן דאך קודם זעהן דעם בריוו, און זיי דארפען עס אדורכצופירן, און אויב עס וועט נישט זיין געשריבן מיט גענוג א בכבוד'דיגן טיטול אויפן רבי'ן, וועלן זיי נאכדעם נישט אויספירן וואס דער **שינאווער רב** וועט בעטן. האבען זיי געבעטן אז דער **שינאווער רב** זאל שרייבען אוף אים הרב הקדוש.

**מען** ווייסט דאך, אז דער **שינאווער רב** איז געווען זייער א איש אמת. האט ער זיך אראפגעזעצט, און ער האט געטראכט. נאכדעם האט ער זיך אנגערופן, אז די גמרא זאגט (פסחים פג:), אז גיד הנשה טאר מען נישט עסן, אבער שומן של גיד, פעטענס וואס איז דא ביי די גיד הנשה, איז מותר, און מען מעג עסן. אבער ישראל קדושים, יודען זענען קדושים, ונוהגין בו איסור, און מען עסט עס נישט. האט ער געזאגט, דער רבי איז דאך אוודאי נזהר אין דעם, און ער עסט נישט קיין שומן של גיד. און די גמרא זאגט אויף דעם, ישראל קדושים, קען מען שוין שרייבען אויף אים הרב הקדוש. - ער האט געדארפט זוכען קודם א גמרא, מען זאל קענען פארענטפערן דעם טיטול, וואס ער שרייבט אויף אים.

*

**רב' יענק'לע** האט פארציילט, אז דער **שינאווער רב** האט אמאל געוואלט קויפן א סחורה, זיך צו מאכען דערפון א שאַל. האט ער געבעטן איינער פון די משמשים, אז מען זאל אים פארשאפען סחורה פאר א שאל. דער משמש האט געהאט א טאכטער, וואס זי האט געהאנדעלט מיט סחורה, און ער האט געוואלט, אז די טאכטער זאל פארדינען. און די טאכטער האט געוואוסט, אז וואס פאר א געלט מען וועט בעטן פונעם רבי'ן, וועט דער רבי געבן. האט זי געבעטן א טייערע פרייז פאר די סחורה. דער משמש האט געברענגט די סחורה פון זיין טאכטער, און ער האט געזאגט פארן **שינאווער רב**, אז ער האט געברענגט די סחורה וואס דער רבי האט געבעטן, און עס קאסט כך וכך.

**ווען** ער האט געזאגט דעם פרייז דערפון, האט דער **שינאווער רב** עס אנגעקוקט אז עס איז זייער א טייערער פרייז. ווען דער משמש האט עס געזעהן, האט ער מורא געהאט, אז דער **שינאווער רב** וועט זאגען עפעס א ווארט אויף די סחורה, אדער אויף דעם געשעפט, אז ער פארקויפט זייער טייער, און עס וועט נאכדעם שאטען פאר די געשעפטען. דער **שינאווער רב** האט תופס געווען זיין מחשבה. האט דער **שינאווער רב** געזאגט, 'אמת, אז מען בעהט דערפאר טייער, אבער עס איז א גוטע סחורה'. האט דער יוד געזאגט, אז זייט דער **שינאווער רב** האט געזאגט, אז עס איז טייער, אבער עס איז א גוטע סחורה. האבען אלע קונים וואס פלעגן אריינצוקומען אין געשעפט, אזוי געזאגט. עס איז טאקע טייער, אבער עס איז גוט. דער **שינאווער רב** האט דעמאלטס ממשיך געווען א ברכה, אז אפילו מען וועט בעטן טייער, פונדעסטוועגן

דאך, ווען מען קוקען די מעלות דערפון, אז עס איז גוט, און מען וועט ביי זיי קויפן.

*

**רבי יענק'לע** האט נאכגעזאגט פונעם **נאסאד'ער רב**, דער **נאסאדער רב** איז געווען א גרויסע צאנזער און שינאווער חסיד, און ער האט אמאל געהערט א מעשה, אז דער **שינאווער רב** האט געהאט א גבאי וואס האט געהייסען ר' מתתי'. און דער ר' מתתי' האט געהאט א זון, וואס האט געהייסען ר' חיים ישראל. און דער זון איז געווארן שטארק נישט געזונט, ער האט געוואוינט אין קראקא, און די דאקטורים דארט, האבען זיך מייאש געווען פון זיין לעבן. און זיי האבען געזאגט, אז זיי קענען אים נישט היילען. איז ער אריינגעגאנגען צום **שינאווער רב**, און ער האט געזאגט, אז ער האט א זון וואס איז ל"ע זייער נישט געזונט.

**האט** דער **שינאווער רב** געהייסען, אז מען זאל שיקן א טעלעגראם, אז ער זאגט צו, אז ער וועט זיין געזונט, און מען זאל אים משנה זיין דעם נאמען. ער האט געהייסען חיים יעקב, און פון היינט אן, זאל מען אים רופן חיים ישראל. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק (בראשית לה-י) לא יקרא שמך עוד יעקב, כי אם ישראל יהיה שמך. שפעטער איז צוריקגעקומען א בריוו, אז דער מצב איז שוין געווען דארט ממש סכנת נפשות, מען האט שוין געצינדען ליכט פאר יציאת נשמה, און ישועת ה' כהרף עין, דער יוד האט זיך אויפגעוועקט, און ער איז געזונט געווארן.

**און** מען האט איבערדערציילט פארן **שינאווער רב** דעם מופת, אז דער יוד איז געזונט געווארן. און דער **שינאווער רב** האט עס אוועקגעמאכט, אז עס איז נישט קיין מופת, עס איז א פארשטענדליכע זאך. ווען דער **נאסאדער רב** האט געהערט די מעשה, האט ער געוואלט דערגיין, וואס איז געווען דא, אז דער **שינאווער רב** איז געווען אזוי זיכער, אז דער יוד וועט האבען א ישועה. איז ער געגאנגען, און ער האט אויפגעזוכט דעם רבי מתתי', און ער האט אים געזאגט, דערצייל מיר אלעס וואס איז אדורך אויף דיין זון, פון ווען ער איז געבוירן.

**האט** ער אים פארציילט, אז ער האט נישט געהאט קיין קינדער, פאר דער ר' חיים ישראל איז געבוירן געווארן. און דער זון איז אים געבוירן געווארן, מיט א ברכה פונעם **שינאווער רב.** אין די געגנט פון שינאווע איז ארום געגאנגען א חולי מסוכנת, וואס מען האט מורא געהאט אריינצוגיין אין די שטובער פון די חולים, ווייל עס איז געווען א חולי, וואס מען האט איבערגעכאפט, און עס איז נישט געווען א רפואה דערויף. און דער ר' מתתי' האט זיך דעמאלטס אסאך אפגעגעבן מיט ביקור חולים. און ער איז אריינגעגאנגען אין אלע שטובער, וואו מען איז געווען נישט געזונט, און ער האט פראבירט צו העלפען, מיט וואס מען קען. ווען דער **שינאווער רב** האט עס געהערט, האט ער אים מכיר טובה געווען, פאר די חסד וואס ער האט געטון, און ער האט אים געזאגט, אז ער גייט קומען צו אים אין שטוב אויף א באזוך, אלס הכרת הטוב.

**ווען** דער **שינאווער רב** איז געקומען צו אים אין שטוב, האט אים דער **שינאווער רב** געזאגט, זיי דיך מזכיר מיט וואס דו דארפסט. דער יוד איז געווען אזוי באגייסטערט, אז דער **שינאווער רב** איז ביי אים שטוב, אז ער האט אינגאנצען פארגעסן, אז ער האט נישט קינדער. ביז מען האט אים דערמאנט, אז ער האט נישט קיין קינדער, און ער זאל בעטן פונעם **שינאווער רב**, אז ער זאל אים צוזאגען א קינד. האט דער **שינאווער רב** אים געבענטשט, אז ער זאל האבען א קינד. און דעמאלטס איז געבוירן געווארן דער ר' חיים ישראל.

**האט** דער **נאסאדער רב** מסביר געווען, אז אזוי ווי דער ר' חיים ישראל איז געווען א יונגערמאן, און ער האט נאכנישט געהאט קיין קינדער. קומט אויס, אז אויב ער וואלט דעמאלטס געשטארבען, וואלט ער נישט איבערגעלאזט קיין דורות. און אז דער **שינאווער רב** האט געגעבן א ברכה, האט ער דאך נישט געגעבן א

ברכה, אז עס זאל זיין א האלבע ברכה, נאר פאר אים, און נישט פאר דורות שפעטער. האט דער **שינאווער רב** געוואוסט, אז אויב זיין ברכה איז מקויים געווארן, וועט ער געזונט ווערן, ביז ער וועט קענען אויפשטעלן א שטוב.

**און** דער **נאסאדער רב** פלעגט ענדיגען און זאגען, אז עס איז געווען א פלא. אז זייט דער **שינאווער רב** האט אים געטוישט דעם נאמען אויף חיים ישראל, כאטש מען איז געווען צוגעוואוינט, אז מען האט אים גערופן חיים יעקב, האט זיך קיינער קיינמאל נישט טועה געווען, אז מען זאל אים רופן מיט זיין אלטן נאמען. מען האט אים אלץ גערופן מיט דעם נייעם נאמען חיים ישראל. און ער האט עס געהאלטען פאר א פלא, אז א מענטש וואס מען איז צוגעוואוינט צו רופן מיט א אלטע נאמען, זאל עס אזוי שנעל נשתכח ווערן, און מען זאל אים רופן אויף א אנדערען נאמען.

*

**רבי יענקע'לע** האט פארציילט, אז דער **דרכי תשובה** איז געווען אמאל אין שינאווע, צוזאמען מיט זיין זון דער **מנחת אלעזר**. און דער **מנחת אלעזר** האט ל"ע נישט געהאט קיין קינדער. און עס איז געווען א יוד ביים **שינאווער רב**, און ער האט געבעטן פונעם **שינאווער רב**, אז ער זאל אים צוזאגען קינדער. האט דער **שינאווער רב** געזאגט, אז דא אין די שטאט איז יעצט געקומען א אייניקעל פונעם **רבי ר' אלימלך**, נאך געלט אויף הכנסת כלה. אויב דו וועסט אים געבן א סכום חשוב, וועסטו געהאלפען ווערן מיט א קינד.

**ווען** דער **דרכי תשובה** האט געהערט, ווי דער **שינאווער רב** זאגט, אז ער זאל געבן געלט פאר דעם אייניקעל, וועט ער געהאלפען ווערן. האט דער **דרכי תשובה** געפרעגט דעם **שינאווער רב**, מיין זון דארף דאך אויך א ישועה, און פארוואס האסטו פאר אים נישט געזאגט, אז ער זאל געבן א סכום חשוב, פאר דעם הכנסת כלה. האט אים דער **שינאווער רב** געזאגט, דיין זון דארף עס נישט האבען, ער וועט אזוי אויך האבען קינדער. האט דער **דרכי תשובה** אנגעכאפט זיין בארד, און ער האט געפרעגט, די בארד וועט עס נאך זוכה זיין צו זעהן? ווי איינער פרעגט, צו ער וועט דערלעבן צו זעהן דאס אייניקעל, צו עס וועט נאך זיין בחייו. און דער **שינאווער רב** האט נישט געענטפערט דערויף. האט דער **דרכי תשובה** פארשטאנען, אז בחייו וועט ער נישט האבען א אייניקעל.

**שפעטער** ווען דער **דרכי תשובה** איז ל"ע נישט געזונט געווארען, האט דער **מנחת אלעזר** געזאגט פארן פאטער, איך פארשטיי אז איך דארף געהאלפען ווערן מיט קינדער. און פונעם **שינאווער רב** האט אויסגעקוקט, אז דו וועסט עס נישט דערלעבן, איך בין גרייט מוותר צו זיין אויף מיין ברכה צו האבען קינדער, אז דו זאלסט האבען אריכת ימים. און דער **דרכי תשובה** האט אים נישט געלאזט, און ער האט געזאגט, זיי נישט מוותר אויף די ברכה, ווי אזוי עס וועט זיך פירן וועט זיך עס פירען. און דער **דרכי תשובה** איז נסתלק געווארען, און דער **מנחת אלעזר** האט נאכדעם געהאט א קינד.

*

**רבי איציק'ל** האט פארציילט, אז זיין פאטער האט געוואוינט אין ליזענסק, און דער **שינאווער רב** פלעגט צו קומען אויף ליזענסק יעדעס יאר, א טאג פאר שלש עשרה מדות, צום ציון פונעם **רבי ר' אלימלך**. איין יאר איז אייגעפאלען פאר רבי איציק'לס פאטער, אז עס שטייט פונעם **רבי ר' בער** (עיין בספר **אורח לחיים** (פ' אמור), **ובאשל אברהם** (או"ח סימן תר"ד)), אז טאמער מען פאסט שלש עשרה מדות, ווערט עס גערעכנט ווי דריי תעניתים. שלש עשרה מדות וואס איז א טאג פאר ערב יום כיפור, איז איין תענית. האוכל בתשיעי, ווער עס עסט ערב יום כיפור, ווערט גערעכנט כאילו התענה (יומא פא:). און יום כיפור פאסט מען ווייטער, ווערט עס גערעכענט אזוי ווי מען וואלט געפאסט דריי טאג, אין איין צו. און דאס יאר וויל ער אזוי טון, ער וועט פאסטען שלש עשרה מדות, כדי ער זאל האבען א תענית דריי טאג.

**דער שינאווער רב** איז אנגעקומען קיין ליזענסק, און זיין פאטער איז געגאנגען מקבל פנים זיין דעם **שינאווער רב.** אינמיטן הערט ער ווי דער **שינאווער רב** רופט זיך אן, און ער זאגט, 'היינטיגע יונגעלייט מאכען זיך דרכים מיט תעניתים, און זיי פרעגן נישט קיין גדול, צו מען זאל אזוי טון, צו נישט'. האט ער שוין געהאט זיין תשובה, אז ער זאל נישט פאסטען. - דער **שינאווער רב** האט מכוון געווען, צו דעם וואס ער האט געוואלט דעמאלטס פאסטען.

*

**רבי יענקע'לע** האט פארציילט, אז עס איז געווען א יוד וואס האט געהייסען ר' משה קאנער, ער איז געווען א צאנזער חסיד. און ער האט געהאט א שווערען משפט, און ער האט געוואלט מקבל זיין א ברכה פונעם **שינאווער רב.** ער האט נישט געקענט איבערלאזען די שטאט, האט ער געבעטען דעם רב פונעם שטאט, אז ער זאל פארען אויף שינאווע אים מזכיר צו זיין. איז ער געפארען. האט דער **שינאווער רב** געזאגט, אז אויב ער וועט זיך פארנעמען צו טון א זאך וואס ער וועט אים הייסען, וועט ער ניצל ווערן. דער יוד האט געמיינט, אז מן הסתם וועט דער **שינאווער רב** בעטן א גרויסע סומע געלט. ער האט נישט געהאט קיין ברירה, האט ער מקבל געווען אויף זיך, וואס דער **שינאווער רב** וועט זאגען. האט אים דער **שינאווער רב** געזאגט, אז ער זאל מקבל זיין אז פון היינט אן, וועט ער מאכען יעדע מוצאי שבת א סעודת מלוה מלכה. עס איז געווען אסאך צאנזער חסידים, וואס פלעגן נישט צו מאכען קיין מלוה מלכה. זיי האבען זיך געפירט, אזוי ווי דער **דברי חיים,** אז זיי האבען נישט סועד געווען מלוה מלכה מוצאי שבת.

**דער** טעם פארוואס דער **צאנזער רב** האט נישט געמאכט מוצאי שבת מלוה מלכה איז געווען, ווייל דער **ראפשיצער רב** האט אים אמאל געזאגט, אז טאמער ער וויל שפירען א טעם פון שבת אינעם זונטאג'דיגע שחרית, זאל ער נישט עסן קיין סעודת מלוה מלכה. אזוי וועט זיך נישט אפטון פון אים די קדושה פון שבת, ביז זונטאג. און ער זאל אינזין האבען, אז די פרישטיג פון זונטאג, דאס זאל זיין די סעודת מלוה מלכה. און דער **צאנזער רב** פלעגט זיך אזוי צו פירען, אז ער האט זייט דעמאלטס נישט געמאכט קיין מלוה מלכה מוצאי שבת. זונטאג פרישטיג דאס איז געווען זיין סעודת מלוה מלכה. און אסאך מאל האט מען געהערט, ווי אזוי ער זאגט די זמירות פון מוצאי שבת, זונטאג ביי פרישטיג. - כאטש דער **שינאווער רב** איז געווען א קינד פונעם **צאנזער רב,** האט ער אים געזאגט, אז אויב ער וועט מקבל זיין נישט צו טון אזוי ווי זיין טאטע, נאר ער וועט יא מאכען מלוה מלכה יעדע וואך, וועט ער געהאלפען ווערן.

*

**עס** איז געווען א חסיד פון **רבי משה ראזוואדובער,** וואס האט געהאט א שווערען משפט מיט א גוי, האט ער געשיקט א קוויטעל פארן **שינאווער רב.** האט דער **שינאווער רב** געענטפערט, אז ער זאל קומען אליין פערזענליך, און נישט דורך א שליח. ער איז געווען א ראזוואדובער חסיד, און ער האט נישט געוואלט אוועקפארען אן רשות, איז ער אריבערגעגאנגען צו זיין רבי'ן, און ער האט אים געפרעגט, צו ער קען דעם קומענדיגער יום טוב שבועות, אריבערפארען קיין שינאווע. האט ער אים געגעבן רשות.

**ער** איז אנגעקומען אהין אויף יום טוב. און ביי די סעודות פון יום טוב האט אים דער **שינאווער רב** נישט ארויסגעוויזען קיין קירבה. דעם לעצטען טאג, בשעת דער **שינאווער רב** האט געטיילט שיריים, האט דער **שינאווער רב** גערופן דעם יוד, און ער האט אים געזאגט, 'דו דארפסט דאך א קאפ, דא האסטו א קאפ'. און ער האט גענומען די קאפ פון די פיש, און ער האט עס אים געגעבן. דער יוד האט נישט פארשטאנען, וואס טייטש איך דארף א קאפ, און איך וועל דיר געבן א קאפ.

**א** טאג נאך יום טוב זענען זיינע קינדער געקומען צו פארען, און זיי האבען אים געזאגט,

אז דער גוי מיט וועם ער האט געהאט א משפט, האט זיך געפארעט מיט זיין פערד. אינמיטן האט דער פערד געגעבן א קאפ פאר דעם גוי, און דער גוי איז געשטארבען אויפן פלאץ. און דאס האט דער **שינאווער רב** געזאגט, דו דארפסט דאך א קאפ, דא האסטו א קאפ פונעם פיש. לשון נופל על לשון, א 'שטויס' האט מען גערופן א 'קאפ', דו דארפסט דאך א קאפ, געב איך דיר א קאפ.

*

**די** טאכטער פון **רבי מאיר'ל לינסקער** האט פארציילט, אז איר מאמע איז געווען מעוברת, און מען האט געזאגט אויף איר, אז מען שפירט נישט קיין תנועת חיים אינעם קינד, און מען האט עס געהאלטן פאר א סכנה. איז דער **לינסקער רב** אריבער געפארען צום **שינאווער רב** אויף ראש השנה. ווען עס פלעגן קומען געסט, פלעגט דער **שינאווער רב** צו טיילן ביים טיש פאר די געסט, א פרוסה פון די חלה. און א אדם חשוב, האט באקומען לחם משנה. דער **לינסקער רב** איז געווען א אדם חשוב, האט מען אים געגעבן לחם משנה.

**אין** ראפשיץ איז געווען דער מנהג, אז אפילו מען איז געפארען אינטערוועגנס אויף שבת. ווען מען פלעגט אויפשניידען די חלה, כאטש די בני בית זענען נישט דארט געווען, האט מען געשניטן פאר יעדעם איינעם, א חלק פון די מוציא. און טאמער מען איז געווען מעוברת, האט מען געגעבן צוויי המוציא'ס. און אזוי ווי מען האט יעצט גערעדט, אז דאס קינד לעבט נישט, האט דער **לינסקער רב** אויפגעשניטן די חלה, און ער האט אויך געשניטן מערערע שטיקלעך פאר די גאנצע בני בית. און דער **שינאווער רב** האט געציילט וויפיל ער שניידט, און פאר זיין רעבעצין האט ער נאר געשניטן איינס. האט דער **שינאווער רב** געזאגט, שנייד נאך איינס, האט ער געשניטן נאך איינס. האט ער געקוקט אויפן זייגער, וויפיל אזייגער עס איז, עס איז געווען ראש השנה ביינאכט, האלב ניין [והעיר **רבינו:** איך ווייס נישט, ווי אזוי עס קומט אויס, אז ראש השנה ביינאכט האלב ניין, האט מען שוין געהאלטען ביי די סעודה. אבער אזוי שרייבט ער]. ווען ער איז אהיימגעקומען, האט מען אים געזאגט, אז דעמאלטס ווען דער **שינאווער רב** האט געהייסען, מען זאל שניידען פאר דעם קינד אויך, האט מען אנגעהויבען צו שפירן א תנועת חיים אינעם קינד.

*

**דער** סטראפקובער רב פון ירושלים האט פארציילט, אז אמאל האט מען גערעדט מיטן **שינאווער רב** וועגן אמעריקא, און דער **שינאווער רב** האט שטארק אוועקגעמאכט אמעריקא, מיט א גרויסע התנגדות. האט מען אים געפרעגט, דער רבי איז דאך אליין געווען אין אמעריקא. האט ער אנגעשריגען, פארוואס מען זאגט אז ער איז געווען אין אמעריקא. האט מען אים געזאגט, אז עס איז דא א מעשה, אז ער איז געווען אין אמעריקא.

**עס** איז געווען א יוד, וואס איז אוועקגעפארען אויף אמעריקא, און ער האט איבערגעלאזט די ווייב אין גאליציע. און עס איז אדורך יארען, און ער האט זיך נישט וואוסענדיג געמאכט, און זי איז געבליבען א עגונה. און די יודענע איז געקומען צום **שינאווער רב**, אז ער זאל איר העלפען. דער **שינאווער רב** פלעגט אסאך צו העלפען פאר עגונות, זיי מתיר צו זיין פון עיגון.

**נאך** א שטיק צייט איז דער מאן צוריק אנגעקומען אהיים פון אמעריקא, און ער האט געגעבן א גט פארן ווייב. און ער האט פארציילט פאר די מענטשען, די סיבה פארוואס ער איז געקומען. ווייל ווען ער איז אנגעקומען קיין אמעריקא, האט ער נישט געהאט קיין פרנסה, האט ער זיך פארדינגען פאר ביליגע ארבעט, און ער האט געהאט צו טון מיט ביליגע מענטשען, און אזוי האט ער איבערגעלאזט זיין יודישקייט. און עס האט אים שוין מער נישט אינטערעסירט זיין ווייב אין גאליציע. אבער פלוצלינג האט אנגעהויבען צו קומען אין חלום יעדע נאכט, איינער א זקן און א נשוא פנים. קודם האט ער

גערעדט מיט אים גרינג, און נאכדעם האט ער גערעדט מיט אים הארבערע רייד, ביז ער האט אים אנגעהויבען צו געבן קלעפ, אז ער זאל זיך אויפהייבען און אהיימפארן, און געבן א גט פאר זיין ווייב. צופרי איז ער אויפגעשטאנען, און ער האט געוויזען פאר זיינע חברים די קלעפ, וואס ער האט באקומען. מען האט דערקענט סימנים אויפן גוף, פון די קלעפ וואס ער האט באקומען. האבען זיי געזען אז עס איז נישט קיין פשוטע חלומות, האט מען אים פארשאפט געלט אז ער זאל אהיימפארען, און געבן א גט. איז ער אהיימגעקומען, און איר געגעבן א גט.

**און** אזוי ווי די שטאט מענטשען האבען געוואוסט, אז זיין ווייב איז זיך געגאנגען אפרעדן צום **שינאווער רב**. האבען זיי פארשטאנען, אז דאס מוז זיין דעם **שינאווער רב'ס** כח. האבען זיי אים געבעטן, אז ער זאל קומען צום **שינאווער רב**, איז ער מיטגעגאנגען. ווען ער איז אנגעקומען צום **שינאווער רב**, האט ער געזאגט, יא, דאס איז טאקע דער וואס האט מיר געשלאגען אינעם חלום. האט מען געזאגט פארן **שינאווער רב**, אז די רבי האט יענעם געשלאגען אינעם חלום, איז דאך דער רבי געווען אין אמעריקא.

**האט** דער הייליגער **שינאווער רב** געזאגט, עה, איך בין נישט געווען אין אמעריקא. דאס וואס איז געווען דארט ביי אים אין חלום, איז געווען איינע פון די חיצונים, וואס האט זיך מתלבש געווען אין מיין צורה, און ער האט עס געטון. און דער **שינאווער רב** האט מסביר געווען, און ער האט געזאגט אזוי, אז די כוחות החיצונים זוכען צו טון עפעס א שירות פאר א צדיק, כדי אז זיי זאלען דורך דעם געהאלפען ווערן דורך דעם צדיק. אבער א צדיק וויל נישט האבען מיט זיי קיין שייכות, און דער צדיק טוט זיי מדחה זיין אינגאנצען. אבער אמאל איז דא, וואס מען דארף טון א טובה פאר א יוד, און כדי צו טון די טובה פארן יוד, דארף מען אז איינע פון די חיצונים זאלען גיין אויף אזא פלאץ, ווי זיי זענען דארט היימיש, און זיי זענען שולט. האט דער צדיק נישט קיין ברירה, טוט ער זיך באדינען מיט די חיצונים, אז זיי זאלען אים ערלעדיגען וואס ער דארף.

**און** אזוי ווי ער גייט דעמאלטס אינעם שליחות פונעם צדיק, באקומט דער חיצון די צורה פונעם צדיק. און אזוי ווי דער יוד איז געווען אין אמעריקא, און א ערליכער יוד גייט דאך נישט קיין אמעריקא, האב איך געמוזט שיקען איינע פון די חיצונים, און דער חיצון האט באקומען מיין צורה, און אזוי האט ער אויסגעפירט, וואס איך האב געדארפט. אבער איך בין אין אמעריקא נישט געווען, אזוי האט דער שינאווער רב געזאגט.

**האט** דער **סטראפקובער רב** צוגעגעבן, און ער האט געזאגט, אז מיט דעם פארשטייט ער, א רש"י אין פרשת וישלח. אויף וישלח יעקב מלאכים לפניו (בראשית לב-ד), זאגט רש"י, מלאכים ממש. וואס איז פשט מלאכים ממש. זאגט ער, מען האט געדארפט דא שיקען שלוחים צו עשו, וואלט דאך געווען א הוה אמינא, אז יעקב וועט נעמען איינע פון די חיצונים, און זיי שיקען צום פלאץ פון עשו הרשע, ארצה שעיר שדה אדום, און ער זאל אים טון זיין שליחות. זאגט רש"י, ניין, נאר וישלח יעקב מלאכים, דא מיינט עס נישט, אז עס איז געווען אזעלכע שלוחים וואס מען שיקט ערגעץ אנדערש, נאר דא איז עס געווען מלאכים ממש. כדי אויסצופירען דעם שליחות, האט ער געדארפט האבען, אז זיי זאלען זיין מלאכים ממש.

**זכותו יגן עלינו ועל כל ישראל**